**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איבערבויאונג פון 52-יוניט אפּאַרדעבעל האוזינג דעוועלאפּמענט אין ווייאָומינג קאונטי

***מאדערניזירונגען צו די Silver Lake Meadows קאמפּלעקס אין די ווילעדזש אָוו פערי געמאכט צו היטן אויף אפּארדעביליטי און בארייכערן קוואליטעט פון לעבן***

***אינוועסטירונג ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאָן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון די איבערבויאונג פון Silver Lake Meadows, אן אפּאַרדעבעל האוזינג דעוועלאפּמענט מיט 52 יוניטס אין די ווייאָומינג קאונטי ווילעדזש אָוו פערי. דער פראיעקט פארזיכערט די לאנג-טערמיניגע לעבהאפטיגקייט פון די קריטיש-נויטיגע הייזער אין א שטעטלישע קאמיוניטי.

"כדי צו אדרעסירן אונזער סטעיט'ס האוזינג מאנגל, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן באשיצן און היטן אויף אונזער עקזיסטירנדע רייע פון אפּאַרדעבעל היימער אריבער אלע אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אינוועסטירונג אין Silver Lake Meadows וועט זיכער מאכן אז די דעוועלאפּמענט בלייבט ווייטער צוגענגליך און אפּאַרדעבעל פאר די ווייאָומינג קאונטי קאמיוניטי פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט. איך בלייב ווייטער איבערגעגעבן צו פארמערן צוטריט צו אפּאַרדעבעל היימער און מיטלען פאר ניו יארקע פאמיליעס, באזונדערס מיט אונזער סטעיט'ס וואקסנדע ארבעטסקראפט."

אין די לעצטער פינף יאר האט HCR אויפגעבויט אדער פרעזערווירט איבער 9,000 אפּאַרדעבעל היימער אין די פינגער לעיקס ראיאן, אריינרעכענענדיג מער פון 200 אין ווייאָומינג קאונטי. די רענאוואציע פון Silver Lake Meadows זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Silver Lake Meadows איז צום ערשט אויפגעבויט געווארן אין 1978 דורך דעם USDA 'שטעטלישע דעוועלאפּמענט' (Rural Development, USDA-RD) סעקשען 515 פראגראם. אלע 52 אפארטמענטס זענען געענוג ביליג פאר משפחות וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט, און אלע משפחות ווערן צוגעשטעלט פראיעקט-באזירטע הילף מיט די רענט דורך דעם USDA-RD פראגראם.

די פארנעם פון די רענאוואציעס וואס זענען געמאכט געווארן אויף די קאמפלעקס פון זיבן געביידעס רעכענען אריין מאדערנינירונגען פון די קיך אין יעדע יוּניט; א קאמיוניטי פארוויילונג פלאץ; אינסטאלירן נייע רעגן אפלויף רערן, פענסטער און סיידינג; ערזעצונג פון די דרויסנדיגע דאך; אינסטאלירן לאמפן אויף זיילן מיט LED באלייכטונג; עלעקטרישע קארן טשארדזשינג סטאנציעס; און ערזעצונג פון די טראטוארן.

די געביידעס זענען איבערגעבויט געווארן אין איינקלאנג מיט דעם ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) אפארטמענט געביידע שפארזאמקייט פראגראם ( Multifamily Performance Program) צו רעדוצירן די יוטיליטיס באנוץ מיט א ציהל ספעציפיש פאר דעם פראיעקט פון 22 פראצענט.

די ראיאנישע טראנספארטאציע סערוויס פובליק באסעס פערי רוּט שטעלן זיך טעגליך אפ אויף אלע וואכנטעג ביי Silver Lake Meadows, און עס זענען דא עטליכע גראסערי געשעפטן אין די מייל פון די לאקאציע מיט טראטוארן ערלויבנדיג די איינוואוינער צו גיין צופיס דורכאויס די גאנצע פלאץ. Silver Lake Meadows געפונט זיך אויך 1.5 מייל פון די סילווער לעיק פובליק טייך ברעג און פינף מייל אוועק פון די לעטשווארט סטעיט פארק.

דער פראיעקט איז דעוועלאפט געווארן דורך Wyoming County Community Action, Inc. און Rochester’s Cornerstone Group.

פינאנצירונג פאר די רענאוואציעס האבן אריינגערעכנט 5.1 מיליאן דאלאר אין נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און $930,000 אין סאָבסידיס פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). NYSERDA האט צוגעזאגט פינאנצירונג פאר ביז $36,400. נאך פינאנצירונג איז געקומען פון הלוואות פון די פעדעראלע היים הלוואות באנק ( Federal Home Loan Bank) און פון Rose Community Capital.

**האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "אונזער אינוועסטירונג אין די 45-יעריגע Silver Lake Meadows דעוועלאפמענט מאכט זיכער אז די היימער וועלן בלייבן א זיכערע און באקוועמע פלאץ צו וואוינען, און וויכטיגערהייט שטעלט עס צו א ביליגע האוזינג אפציע פאר איבער 50 פאמיליעס אין ווייאָומינג קאונטי פאר פילע צוקונפטיגע יארן. אונטער גאווערנער האקול'ס האוזינג פלאן, זענען מיר פארפליכטעט צו פרעזערווירן און איוסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער אין יעדע קאמיוניטי, סיי שטעטלישע און סיי שטאטישע. איך גראטוליר Wyoming County Community Action און Rochester’s Cornerstone Group פאר די ערפאלגרייכע פארענדיגונג פון דעם פראיעקט."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די רענאוואציעס פון Lake Meadows זענען נאך אביישפיל פון גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארשאפן זיכערע און אפאָרדעבעל הייזער פאר שוואכערע ניו יארקער און אזעלכע מיט נידעריגערע איינקונפט. ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען, ווי צום ביישפיל אינסולירן די געביידע, ערזעצן די פענסטער, און איבערגעמאכטע הייצונג סיסטעם, LED באלייכטונג און צוטריט צו עלעקטרישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס, וועלן העלפן די איינוואוינער ארויסבאקומען די בענעפיטן פון די ענווייראמענט-פריינטליכע געביידע מאדערניזירונגען בשעת'ן געניסן פון באקוועמע וואוינונג ערטער פון א הויכע קוואליטעט."

**סטעיט סענאטאר דזשארדש בארעלאָו האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן אויף די געוואלדיגע צוגאב צו די קאמיוניטי Silver Lake Meadows וועט זיין א פאסיגע האוזינג אפציע פאר פאמיליעס און מענטשן וועלכע זוכן אטראקטיווע און אפאָרדעבעל הייזער, און א בענעפיט פאר די ארטיגע עקאנאמיע און

קוואליטעט פון לעבן. מיינע דאנקן גייען ארויס פאר די דעוועלאפער שותפים, Rochester's Cornerstone Group און Wyoming County Community Action, פארן ארבעטן בשותפות אין שטיצע פון דעם ווערטפולן פראיעקט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארדזשארי בירנס האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז די פראדוקט פון א וואונדערבארע צוזאמענארבעט צווישן די דעוועלאפערס וואס וועט פארזיכערן אפאָרדעבעל הייזער פאר פילע פאמיליעס און בענעפיטירן די גאנצע פערי קאמיוניטי."

**ווילעדזש טראָסטי ערני לאורענס האט געזאגט,** "דאס האבן אפאָרדעבעל הייזער פון א גוטע קוואליטעט איז א פריאריטעט פאר יעדע קאמיוניטי. דאס האבן גוטע שותפים ווי Rochester's Cornerstone Group העלפט אונזער קאמיוניטי ערפילן די מיסיע."

**פרעזידענט פון Rochester's Cornerstone Group, ראדזשער ברענדט, האט געזאגט,** "Rochester's Cornerstone Group איז שטאלץ צו פייערן די פארענדיגונג פון די רענאוואציעס אויף Silver Lake Meadows. מיר זענען דאנקבאר אז אונזערע פינאנצירונג שותפים ביי האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, USDA – שטעטלישע דעוועלאפמענט און אנדערע האבן ארויסגעוויזן אנגייענדע אינוועסטירונג אין די וויכטיגקייט פון שטעטלישע האוזינג."

**Wyoming County Community Action עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קערי דזשאנסאן, האט געזאגט,** "פארזיכערן מאדערנע, אפאָרדעבעל הייזער פון א הויכע קוואליטעט פאר די מענטשן וועם מיר באדינען זעצט פאר צו זיין איינס פון די גרעסטע שוועריגקייטן וואס מיר זעהען אין אונזער שטעטלישע קאמיוניטי. מיר זענען גאר דאנקבאר און שטאלץ מיט די שתדלנות און שותפות מיט Rochester's Cornerstone Group און די פארשידענע פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע אגענטורן וועלכע האבן געארבעט זייער שווער צו מאכן די הערליכע רענאוואציע פאר א מציאות."

<u>**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**</u>

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס ארייננרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418